השלמה
משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך
וויען

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

### פרשת וישב תשפ"ג לפ"ק

### ביקור אצל הגה"צ רבי אברהם יונה שווארץ שליט"א אב"ד דקה"י ווינא

יום א' פרשת וישב תשפ"ג לפ"ק - וויען עסטרייך - אחר השבת הרוממה בעיר פרעשבורג יצ"ו

**גאב"ד ווינא:** דער טאטע [**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**] איז געווען דא אין וויען בי די קריג. ער איז געווען אויף די באן וואס מען האט צוריק געשיקט. ער האט גע'מל'ט דא אסאך קינדער. - ווער איז אלץ געווען דארט, נאר איין ברודער, דער סערדאהעלער רב?

**רבינו:** יא, און נאך צוויי שוועסטערס. איינע (הילדה מינדל ע"ה) איז אוועק דא. זי ליגט דא אין בית החיים. די רשעים האבן געגעבן א ערלויבעניש אז מען קען איר קובר זיין. צען טאג האט גענומען ביז זיי האבן געגעבן די ערלויבעניש.

**גאב"ד ווינא:** מען האט איר כאטש געלייגט ווי כהנים קענען צוקומען?

**רבינו:** א כהן קען נישט צוקומען דארט.

**גאב"ד ווינא:** די קינדער פון רבי עוזר פריעד האבן א פראבלעם. ער איז אוועק א טאג נאכן באפרייען. ער איז עפעס ארויסגעשפרינגען פון פענסטער, ער האט זיך געיאגט, ער איז געווען א יונגערמאן, מען האט אים באַ'ערדיגט אינמיטן בית החיים. די קינדער זענען געקומען אמאל, האט מען אפגעשניטן אלעביימער אז מען זאל קענען אדורכגיין.

**רבינו:** עס איז א געוואלדיגער גרויסער בית החיים. א פאר בלאקן.

**גאב"ד ווינא:** עס איז דא אסאך בתי חיים'ס דאהי, פון א פאר תקופות. קודם איז דא פון רבי שעפטל, דאס איז א קליין בית עולם, דארט איז שווער פאר א כהן אריינצוגיין. [זיי האבן אראפגעגנב'עט פונעם בית החיים, רבי דוד שמידל האט זיי געכאפט. רבי דוד איז דאך אויך א וויענער, ער האט א מח עצום, ער האט געזעהן מען האט מזייף געווען די גבולות, בקיצור, דארט קען מען נישט גיין]. דארט ליגן גדולי עולם, צוועלף גדולים ליגן דארט, דער **חכמת מנוח**, דער **נזר הקודש**, **ספרא דצניעותא דיעקב**, **ווי העמודים**, **רבי שמשון ווערטהיימער**.

דער רבי האט געזעהן, עס איז ארויסגעקומען יעצט א חיבור פון רבי שמשון ווערטהיימער, די ערשטע מאל פון כתב יד קדשו, מען האט געטראפן די הגדה, מען האט שוין געדרוקט קודם די הגדה, און יעצט קומט ארויס די אנדערע באנד אויף הלכה.

**רבינו:** וואו איז עס געווען אזויפיל יארן?

**גאב"ד ווינא:** עס שטייט נישט דארט. א אייניקל האט עס געדרוקט, רבי יונה עסטרייכער'ס זון, זיי זענען דאך אייניקלעך, ער שרייבט זיין יחוס. ער האט עס

פטרון חודש כסלו

על הטוב יזכר

ידידינו מוה"ר ר' **ראובן יואל טובל** שיחי'

אשר כלכל הוצאת הגליון לחודש כסלו

זכות הרבים יעמוד לו ולבני ביתו לאורך ימים אכי"ר.

אפגעקויפט, און דער פשעוואַרסקער רבי, רבי לייבוש שליט"א, האט אים געהייסן געבן א נאמען 'חידושי רבי שמשון ווערטהיימער', אזוי הייסט עס. אזא דיק חיבור. איך האב עס דא.

**רבינו:** עס זאל הייסן אזוי, כדי מען זאל געדענקען דעם נאמען.

**גאב"ד ווינא:** דאס איז ממש יעצט ארויס. עס איז אמאליגע סארט דרושים און פלפולים [והראה לרבינו את הספר הנ"ל].

**רבינו:** שיין איבערגעארבעט.

**גאב"ד ווינא:** ער האט עס געגעבן פאר א מומחה. עס איז דא א גור'ער חסיד אין בני ברק, ער הייסט רבי דוד אברהם מאנדלבוים, וואס גיט ארויס אלע פוילישע ספרים, ער האט עס מסדר געווען.

**רבינו:** איך זעה איר האט שוין געלערנט דערין, ווייל עס איז שוין צוגעשריבן הגהות.

**גאב"ד ווינא:** יא. און נאכדעם איז דא א צווייטע בית עולם, אין ווערינג. פון דעם האבן די דייטשן אויך גע'גנב'ט א חלק ביים קריג. דארטן ליגן אויך גרויסע מענטשן.

**א' מהנוכחים: רבי מאיר אלמאש זצ"ל, דער מנוחת אשר'ס** שווער.

**גאב"ד ווינא:** און נאכדעם איז דא דער בית עולם וואו מען האט בא'ערדיגט פארן ערשטן קריג. דארט ליגן גרויסע ריזשינער קינדער, דער **פחד יצחק**, דער **בארשער רב** (**הגה"צ רבי יעקב צבי וואלדמאן** זצ"ל), - **רבי ישראל חיים מנשה'ס** (זצ"ל, ראב"ד סאטמאר) זיידע.

**רבינו:** דאס אלעס איז געווען ביז צום ערשטן קריג?

**גאב"ד ווינא:** דארט האט מען צוגעמאכט סוף פון די ערשטע קריג. נאכדעם האט מען געעפענט די פערטע טויער כולו פאר יודען, די פערטע איז נאר פאר יודען. די ערשטע טויער ווי דער פחד יצחק ליגט, איז א דריטל פאר יודען, און א גאס איז מפסיק. דארט איז דא א חלקה פון אלע נעבעך וואס זענען אוועק ביי די דייטשער זמנים, די גאנצע חלקה איז פון זיי.

**א' מהנוכחים:** דארט האט מען געטראפן מציבות.

**גאב"ד ווינא:** יא, דארטן ליגן גרויסע מענטשן.

**רבינו:** מיין טאטע האט געשטעלט א מציבה נאך די קריג פאר די שוועסטער. זי איז געווען א יונג מיידל.

**גאב"ד ווינא:** פון דא איז דער טאטע געפארן גראד קיין אמעריקא, צו ער איז נאך צוריק געפארן קיין אונגארן?

**רבינו:** ער איז צוריק אויף מאקאווא, און נאכדעם אויף סאמבאטהעלי, און הערשט נאכדעם איז ער ארויסגעקומען קיין ניו יארק.

**גאב"ד ווינא:** א גרויס חלק פון מאקאווא'ער יודען זענען געבליבן.

**רבינו:** פון מאקאווא און דעברעצין, די צוויי שטעט. ערגעץ אנדערש איז נישט געבליבן קיין קהלה שפעטער. עס איז נישט געווען קיין קינדער.

**גאב"ד ווינא:** יא. דא איז דא א יוד, רבי מענדל ארטנער, א יוד פון אוהעל, ער איז אין די לעצטע טאג אנטלאפן פון אוהעל קיין פעסט. די דייטשן זענען שוין געווען אין אונגארן, און אין פעסט איז ער געראטעוועט געווארן מיט די משפחה. גלייך נאכן באפרייען, איז ער צוריק געפארן מיט די קינדער, מענטשן האבן נישט געוואלט גלייבן אז עס איז נאך דא קינדער! די איינציגע צוויי קינדער, רבי מענדל ארטנער'ס קינדער.

**רבינו:** ווי זענען ענקערע עלטערן געווען ביי די קריג?

**גאב"ד ווינא:** מיין טאטע איז געווען דא כמעט א יאר, ער איז געווען אין די ערגסטע לאגער, אין עבענזע. **רבי יהושע'לע גרינוואלד** (אב"ד חוסט) איז אויך דארט געווען. מיין טאטע האט געלערנט ביי רבי יהושע'לע. רבי יהושע'לע איז געווען אין א אנדערע לאגער, און זיי האבן זיך געטראפן די לעצטע פאר וואכן, זיי זענען באפרייט געווארן צוזאמען אין עבענזע.

דא איז דא א יוד, וואס ער איז אויך באפרייט געווארן מיט מיין טאטען אין עבענזע, ער איז א מונקאטשער יוד. פרעג איך אים, ווילאנג זענט איר געווען אין עבענזע? זאגט ער פיר וואכן. פרעגט ער מיר, ווילאנג איז אייער טאטע געווען? זאג איך עלף חדשים. זאגט ער, ווי קען דאס זיין? עלף חדשים און בלייבן לעבן? אין עבענזע?

מיין טאטע איז נעבעך קראנק געווארן יונגערהייט, דער דאקטער האט געזאגט, ווייל די יארן פון נערונג, פון די דרייצן ביז די צוואנציג, האט דער טאטע געגעסן גראז, ער האט נישט געוואלט עסן די זופ. ער איז געווען א פרומער, ער האט געגעסן ברויט מיט גראז. עלף חדשים!

**רבינו:** זיי ברענגען צו (עיין **במגן אברהם** או"ח סימן קע סקי"ט), אז דער **אר"י הק'** האט געגעסן גראז. ואכלת את עשב השדה (בראשית ג-יח).

**גאב"ד ווינא:** פשוטו כמשמעו.

**רבינו:** דער טאטע האט געזאגט, ער פלעגט צו ארבעטן דא אין די אנקער-ברויט פאבריק.

**גאב"ד ווינא:** יא, אונזער משפחה אויך, די לעבאוויטש משפחה.
**רבינו:** יא. רבי נפתלי לעבאוויטש איז אויך געווען דארט, זיי זענען געווען צוזאמען.
**גאב"ד ווינא:** ביי אונז הייסט עס "די עלעפטע באצירק", דאס איז חוץ לעיר.
**רבינו:** נאכדעם זענען געווען צייטן וואס זיי האבן געזעגט האלץ, ביימער.
**גאב"ד ווינא:** דא אין וויען?
**רבינו:** איך מיין אז דא. מען איז ארויסגעפארן צו די ארבעט. דעמאלטס האט מען געמיינט אז דאס איז די ערגסטע לאגער. און דאס איז געווען גאלד אקעגן אנדערע מקומות.
**גאב"ד ווינא:** יעדער האט אזוי געמיינט. אין לאנדאן האט געוואוינט א אלטער בעלזער חסיד, ער האט קודם געוואוינט אין דייטשלאנד, און ער איז געפארן יעדע יאר קיין בעלזא. ער האט נישט געוואוסט קיין חכמות, און אויף די ימים נוראים ת"ש איז ער אויך געפארן קיין בעלזא. ער האט געלאזט די ווייב און קינדער אין לייפציג, און ער איז געפארן קיין בעלזא. און מען האט אים פארכאפט, און ער איז געפארן מיטן גאנצן עולם קיין סיביר. זעקס יאר האט ער נישט געוואוסט, צו עס איז געבליבן פון אים קינדער. אזוי ווייט, אז ער האט א טאכטער וואס איז ארויס מיט די קינדער טראנספארט, ער האט איר ארויסגעשיקט פריער, און זי האט חתונה געהאט אין געיטסעד, און זי האט געהאט א בכור, און מען האט נישט געוואוסט צו דער טאטע לעבט, און מען האט געוואלט א נאמען געבן נאך אים. א טאג פאר די ברית, איז אנגעקומען א טעלעגראם אז ער לעבט.
בקיצור, האט ער מיר פארציילט, אז ער האט זייער שווער געארבעט דארט, און ער האט געשאלטן די רוסן. ווען ער איז ארויסגעקומען איז ער געוואויר געווארן, אז דאס איז נאך געווען א חסד!
**רבינו:** די לאגער דא אין וויען האט געהייסן "א מוסטער לאגער". זיי האבן געדארפט ווייזן פאר די רויטע קרייץ, ווי אזוי זיי באנעמען זיך מיט די לאגערס, האבן זיי דא געמאכט אז די משפחות זענען צוזאמען. און מען האט געדרוקט געלט, אז מען קען קויפן, עס איז געווען געשעפטן, וואס אייביג זענען די געשעפטן געווען פארשפארט, אבער זיי האבן אויסגעשטעלט כאילו עס איז דא געשעפטן, און מען קען דא געהעריג פונקציאנירן, מען דארף נאר ארבעטן פאר די רעגירונג. רשעים ארורים.

**רבינו הביט על ריבוי הספרים בחדר, ואמר:** א בית מלא ספרים.
**גאב"ד ווינא:** מען דארף דאך לערנען.
**רבינו:** מען זאל לערנען מיט הרחבת הדעת.

*

**רבינו:** ווי אזוי זענט איר אנגעקומען אויף וויען?
**גאב"ד ווינא:** עס איז א אינטערעסאנטע מעשה, מען זעהט ממש אז עס איז פון הימל. אין לאנדאן האב איך געהאט א שכן, א ווינער יונגערמאן, זיין טאטע איז געווען א מישקאלצער יוד, ער איז געווען דער ראש הקהל ביים **יגל יעקב**. זיין טאטע איז געווען א גביר אדיר, ער האט געהאט אין מישקאלץ א גאנצע הויז נאר פאר הכנסת אורחים. מען האט געקאכט דארט יעדן טאג, פאר אלע ארימעלייט וואס האבן געדארפט שלאפן און עסן.
דער יוד, איז געווען א בעל בתיש'ער יוד, ער האט געהאט א פאר טעכטער, און א בן יחיד. און ער האט אים חתונה געמאכט קיין אמעריקא. ער האט באקומען קעסט פינף יאר, נאך פינף יאר איז געווארן חילוקי דיעות צווישן די פאר פאלק וואו זיי זאלן וואוינען. ביידע עלטערן האבן געוואלט אז ער זאל וואוינען נעבן זיי. זיין טאטע האט געזאגט, ער איז דאך א בן יחיד, ער זאל קומען וואוינען קיין וויען. און אירע עלטערן האבן געוואלט ער זאל בלייבן אין אמעריקא. זיי האבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, האבן זיי באשלאסן מען פרעגט דעם **סאטמאר'ער רב זי"ע** וואס מען זאל טון. זיי האבן פארציילט, אז מען קען נישט צופרידן שטעלן די עלטערן, וואס מען זאל טון? האט דער סאטמארער רב געזאגט, זיי זאלן פארן וואוינען קיין לאנדאן, עס איז פונקט אינמיטן, מען קען שפרינגען אמאל דא, און אמאל דארט. און נאך א שטיק צייט וועט מען זעהן וואס צו טון.
ער איז געווען מיין שכן, צוויי הייזער אוועק פון מיר. איך פלעג זאגן שיעורים פאר די עולם פון די געגנט, און ער איז געקומען. בערך צוויי יאר, איז ער אזוי געקומען צו די שיעורים.
איינמאל חול המועד פסח קלאפט ער אויף מיין טיר, עס איז שוין געווען שפעט ביינאכט, ער אנטשולדיגט זיך, בקיצור מען האט אים גערופן פון וויען, צו ער האט עפעס א קאנדידאט וואס זאל קומען אהער? עס איז אים איינגעפאלן, ער איז דאך מיין שכן, אפשר איז עס פאר מיר, קומט ער צו מיר עס אנטראגען. - אזוי איז געשען די גאנצע מעשה.

שפעטער ווען איך בין שוין געווען דא, איז ער געקומען צו מיר, און ער זאגט מיר, איך וועל זאגן דעם אמת, איך ווייס נישט וואס איך האב געזוכט אין לאנדאן, איך האב גארנישט אויפגעטון אין לאנדאן, אויסער איין זאך... - אזוי האט ער געזאגט. ער וואוינט היינט אין אמעריקא. א אינטערעסאנטע מעשה.

**גאב"ד ווינא כיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**רבינו:** לחיים טובים ולשלום, דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל קענען ווייטער מרביץ תורה זיין, גרינגערהייט מתוך שמחה וטוב לב, נחת ביי די קינדער, מיט אלץ גוטס.

**גאב"ד ווינא:** אמן.

*

**גאב"ד ווינא:** דא איז כמעט יעדע גאס א היסטארישע גאס. דא אקעגן מיר, איז געווען פון די חשוב'סטע בית המדרש אין וויען. דער **דזשאבנא'ער רב** (הגה"צ רבי שלום דוד אונגער זצ"ל), דעם **אמרי נועם'ס** אייניקל, ער האט געהאט א שטיבל, עס האט געהייסן אז תלמידי חכמים עצומים האבן דארט געדאווענט. איך אליין האב געדאווענט דארט א פאר יאר ביי טאג, עס איז נישט געווען קיין גאס, וואס איז נישט געווען קיין בית המדרש.

**רבינו:** וויפיל בתי מדרשים איז היינט דא.

**גאב"ד ווינא:** די ספרדישע יודן האבן אסאך בתי מדרשים, אבער פון די היימישע קהילות איז דא פיר.

**רבינו:** דער ישוב ווערט גרעסער, אדער קלענער.

**גאב"ד ווינא:** עס קומט צו יודען, עס איז ב"ה געווארן א אנדערע שטאט פון וואס עס איז געווען אמאל אין אנהייב. געלויבט דער אייבערשטער.

**רבינו:** אין די פריער'דיגע יארן איז מען נישט געגאנגען מיט קיין שטריימל אויף די גאס דא שבת.

**גאב"ד ווינא:** דאס האב איך געבראכן.

**א' מהנוכחים:** מען האט מער מורא געהאט פון די יודען ווי פון די גוים...

**גאב"ד ווינא:** אזוי איז עס געווען.

**רבינו:** תשכ"ט בין איך געווען דא אויף א שבת. איך האב נישט געוואוסט, און איך בין געגאנגען מיטן שטריימל אין בית המדרש. זונטאג קומט צו מיר צו א יוד, און ער פרעגט, פארוואס איך בין נישט געקומען מיטן שטריימל? זאג איך אים, עס איז זונטאג. זאגט ער, אז מען קען גיין אין וויען שבת מיט א שטריימל, דעמאלטס קען מען זונטאג אויך קומען מיטן שטריימל...

**גאב"ד ווינא:** פארן קריג, איז געווען א פחד פון די גוים. עס איז געווען דא א יוד רבי שמואל פליישער, וואס האט מיר געזאגט, אז דער **טשארטקוב'ער רבי** איז אויך נישט געגאנגען מיט א שטריימל שבת אויף די גאס. דער **קאלאשיצער רב** איז אמאל געווען דא אויף שבת, ער איז געווען א נידריגער, האט מען געמאכט זיכער ארומצונעמען מיט העכערע מענטשן מען זאל נישט באמערקן. אזוי האט מען מורא געהאט.

נאכן קריג, איז דער **אמרי חיים** דא געווען אפאר מאל שבת, און ער האט געהאט אסאך מארמארישער יודען, וויזשניצער חסידים, זיי האבן אים געזאגט, אז מען קען נישט גיין מיט א שטריימל. ער האט געהאט אכסניא אביסל ווייט פון בית המדרש. האט ער געזאגט, איך וועל נישט גיין שבת אויף דער גאס מיט בגדי חול, אן א שטריימל. מען האט געמוזט פאר אים שאפן א אכסניא אויף שבת אין בית המדרש.

מיט דעם **סאטמאר'ער רב ז"ל** איז אויך געווען א מעשה פארן קריג. אזוי האט מיר פארציילט **רבי משולם אשכנזי** דער **סטאניסלאווער רבי** פון לאנדאן. רבי משולם'ס טאטע, **רבי הערשעל'ע אשכנזי**, האט געהאט דא א בית המדרש. נישט אין די זעלבע גאס פון אונזער בית המדרש, נאר אראפצו. ער האט געהאט א בית המדרש, מיט א מקוה אין הויז. און דער סאטמאר'ער רב, ווען די ערשטע רביצין איז געווען נישט געזונט, איז געווען שרעקליך זיין מצב, א גאנצע וואך האט מען נישט געקענט מיט אים רעדן, אזוי צוטראגן איז ער געווען. און ער האט נישט געהאט דא קיינעם (שבא לעיר וויען לצורך רפואת הרבנית ע"ה). ער האט געהאט דעם שוועסטער קינד רבי פייבוש אשכנזי, און ער איז איינגעשטאנען ביי רבי הערשעל'ע אשכנזי. ער האט נישט געדארפט ארויסגיין אויף די גאס, עס איז געווען א מקוה אין שטוב. שבת האט מען געדארפט גיין אויף די גאס. בקיצור רבי משולם האט מיר געזאגט, ער איז דאך דארט געווען, זאגט ער, ביז פרייטאג צונאכטס האט מען נישט געקענט רעדן מיט אים. שבת, איז ער אינגאנצען נשתנה געווארן, ער איז געווען אן אנדערער מענטש. אזוי ווי מען האט געמאכט הבדלה איז ער צוריק (למצבו הראשון). רבי הערשעל'ע האט געזעהן אז מען מוז עפעס זעהן צו טון. זאגט רבי הערשעל'ע, סאטמאר רב לאמיר גיין שפאצירן אביסל ביי די דאנא, די דאנא איז ממש א פאר מינוט אוועק. זאגט ער מסכים, אביסל אויסלופטערן. דער סאטמאר'ער רב זעהט, אז רבי הערשעל'ע טוט זיך

אויס די שטריימל, און טוט זיך אן די קאפיליטש. זאגט ער, איך וועל גיין מיט בגדי חול מוצאי שבת? רבי הערשעל'ע האט נישט געקענט ביי אים פועל'ן, האבן זיי געמאכט א פשרה, מען וועט גיין שפאצירן מיט די קאפעל, דער סאטמאר'ער רב האט נישט געוואלט בשום אופן אנטון די הוט מוצאי שבת. איך האב עס געהערט פון רבי משולם.

**א' מהנוכחים:** דער **אלשטאדטער רב** איז נישט געגאנגען מיט קיין שטריימל, ווען ער איז געווען דא?

**גאב"ד ווינא:** דער אלשטאדטער רב האט נישט געדארפט ארויסגיין מסתמא, מסתמא האט ער געהאט א מקוה אין שטוב.

**א' מהנוכחים:** מען ווייסט ווי ער האט געוואוינט?

**גאב"ד ווינא:** איין גאס אוועק פון דא.

**א' מהנוכחים:** די הויז האט אזעלכע רינדיגע שטיגן.

**גאב"ד ווינא:** דער ראש הקהל פון שיף שול, רבי יואל פאפנהיים, האט געוואוינט צוזאמען מיטן אלשטאדטער רב.

**רבי יוסף ענגל** האט געוואוינט אקעגן איבער, מען האט געקענט אריבער קוקן פונעם פענסטער צו רבי יוסף ענגל. די וועלט זאגט, אז די אלשטאדטער רביצין האט זיך געזארגט אויף זיין געזונט, ער זאל זיך גיין לייגען שלאפן פרי. האט ער געוויזן, דו זעהסט רבי יוסף ענגל'ס לעקטער ברענט נאך, וואס ווילסטו איך זאל זיך גיין לייגן?

**רבי העניך [פאדווא זצ"ל]** ווען ער האט גערעדט פונעם אלשטאדטער רב, האט ער געזאגט, אין יעדע זאך איז ער געווען ווי א שר התורה! ער איז געווען א שר אין מעשיות פון צדיקים, ער האט געוואוסט א ים. דער זון רבי אהרן האט געדרוקט מעשיות פון אים, אין די אגודה צייטונג, עס איז א שאד, מען וואלט עס געדארפט דרוקן, עס איז אלץ מסתמא קראנטע זאכן.

רבי העניך האט געזאגט, אז דער פרעשבורגער בית דין, צווישן די צוויי מלחמות, האט נישט ארויסגעגעבן קיין ערנסטע פסק אן דעם אלשטאדטער רב'ס הסכמה. מען איז געקומען צו פארן פון פרעשבורג, זיך באראטען מיט אים. דעמאלטס זענען געווען גרויסע מענטשן דא אין ווינע. עס איז א פלא, אז ער איז געבליבן דא וואוינען.

**רבינו: רבי מאיר אריק** איז דאך אויך געווען דא, און ער איז צוריק אויף טארנא. עס איז דא א בריוו פון רבי מאיר אריק, ווען ער איז צוריק געגאנגען אויף טארנא, ער רומט זייער די שטאט ווינע, וואס פארא כבוד התורה עס איז דא אין ווינע, עס דערקענט זיך די השפעה פונעם חתם סופר, שרייבט ער, עס האט זיך צושפרייט.

**גאב"ד ווינא:** איך וועל זאגן פארן רבי'ן דער סוד פון די בריוו. איך האב געהערט פון רבי העניך. רבי העניך האט געזאגט, ער האט עס נישט געוואלט שרייבן, ער האט געזאגט, מען האט אים געגעבן אזא דירה סרוחה אין טארנא, אז מען האט נישט געקענט כמעט זאגן א דבר שבקדושה. זיי האבן נישט פארשטאנען מעריך צו זיין א רב. די אונגארישע יודען האבן געוואוסט וואס הייסט מכבד זיין א רב...

**א' מהנוכחים:** אין **הליכות חנוך** ברענגט מען, אז רבי מאיר אריק האט געזאגט, אז אין אונגארן, ווען דו דערמאנסט דעם חתם סופר, אפילו פון גדולי ישראל וואס האבן געקענט דעם חתם סופר, כאפט עס א ציטער פאר יעדן איינעם. זאגט ער, אין גאליציע וועל איך נאכזאגן אווארט פון **חוות דעת**, וועט מען זאגן, ווער, דער ר' יעקעלע? איך האב אים דאך געקענט. דאס איז די חילוק צווישן אונגארישע יודען און גאליציאנער יודען.

**גאב"ד ווינא:** זייער אינטערעסאנט. רבי העניך האט געזאגט, אז דער רבי מאיר אריק האט געזאגט, עס איז כדאי צו פארקויפן די הויזן, צו ווערן א רב אין אונגארן, נישט אין גאליציע.

**רבינו:** פארוואס איז ער טאקע צוריק געגאנגען, פארוואס איז ער נישט געבליבן?

**גאב"ד ווינא:** דאס ווייס איך נישט. זיין ברודער פישל איז דאך אויך געווען דא. ער איז אוועק נעבעך יונגערהייט. איך האב אמאל געהערט פון רבי העניך, ווייל ער האט געהאט א דירה אין א קעלער, עס איז געווען נאס, האט ער באקומען א לונגען אנטצינדונג, און דער טשארטקוב'ער רבי האט אים באצאלט צו פארן צוויי וואכן קיין מאראן, מאראן איז געווען אזוי ווי היינט דאוואס, פאר לונגען. ער ליגט דארט.

איך בין שוין געווען אויפן ציון, די מצבה האט געשריבן רבי יעקב טייטלבוים ז"ל, ער איז געווען א תלמיד. ער שרייבט אויף די מצבה, אז ער האט געקענט כל התורה כולה. און ער רעכנט אויס, בבלי, ירושלמי, ספרא, ספרי, תוספתא, זוהר הק', א ריזן מציבה, אין מאראן.

עס איז דא איינער ביי אונז דא, ער איז יעצט צוגעקומען צום רבי'ן. ער פארט יעדע יאר צום יארצייט, ג' כסלו. פארוואס פארט ער? ווייל ער האט געמאכט א גרויסע עירוב. נישט ער האט געמאכט, **רבי זלמן שפיטצער זצ"ל** (חתן מרן החתם סופר זי"ע) האט

געמאכט די עירוב, אבער עס איז געווען אויף דעם פקפוקים, רבי מאיר אריק איז געווען מחולק וועגן די בריקן. עס איז א גרויסע מחלוקת, מבטל מחיצתא צו נישט. דער **חתם סופר** (בתשובותיו או"ח סימן פט) איז מתיר, און רבי מאיר אריק שרייבט א תשובה אקעגן דעם חתם סופר (**שו"ת אמרי יושר** ח"א סימן ב). דערנאך ווען רבי מאיר איז געקומען, האבן די חסידישע יודען, און די פרומערע אויבערלענדער אויפגעהערט צו טראגן וועגן רבי מאיר אריק. דער **הוסיאטענער רבי** האט געוואלט מאכן א גרויסע עירוב, כדי מונע זיין די פראבלעם פון די בריקן, איז ער ארומגעפארן בכבודו ובעצמו מיט רבי פישל, ווי אזוי מען קען מאכן א גרויסע עירוב פאר וויען (עיין בכל זה בארוכה בקונטרס 'חומת העיר' בסוף **שו"ת אבני ברזל** חלק ג).

**רבינו:** און עס איז געווארן דערפון?

**גאב"ד ווינא:** ניין, עס איז נישט געווארן, ווייל עס האבן זיך אנגעהויבן די נאציס.

רבי העניך האט געזאגט, אז דעמאלטס איז געווען די איינציגע מאל וואס דער הוסיאטענער רבי האט גערעדט אין לערנען, און מען האט געזעהן אז עייל בלא בר אין עירובין. אזוי פלעגט ער דאך קיינמאל נישט רעדן אין לערנען. דער איינציגער רבי וואס האט גערעדט אין לערנען איז געווען רבי משה באיאנ'ער, ער איז געווען א נעפיו פונעם הוסיאטענער.

**רבינו:** רבי משה'לע, איז געווען אן ערליכער יוד, און א גרויסער תלמיד חכם. מען האט געזאגט אויף אים, אז ער האט געקענט זיין א גרויסע רבי, נאר די גמרא תוספות האט אים מגשם געווען.

**גאב"ד ווינא:** אזוי האבן געזאגט די ריזישינער חסידים. רבי העניך האט געזאגט, אז רבי אברהם יעקב סאדיגער'ער איז דאך געווען דא אן איידעם ביים קאפישניצער רבי, שפעטער האט ער געוואוינט אין תל אביב, ער האט געהאט נישט קיין גרויסער עולם. רבי העניך האט אים געוואלט אביסל מחזק זיין, פלעגט ער אמאל אמאל פארן פון ירושלים קיין תל אביב צו אים. מסתם איז ער געפארן צום בעלזא'ער רב אוודאי. האט ער געזאגט, העניך, פאר מיינע חסידים לערן איך תורה לשמה, זיי דארפן נישט איך זאל קענען לערנען.

**גאב"ד ווינא:** דער רבי פארט יעצט קיין ארץ ישראל?

**רבינו:** יא. - דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען קומען אויף שמחות.

**גאב"ד ווינא:** אמן. אונז פאר מיר יעצט קיין אמעריקא, אונז האב מיר ב"ה דריי חתונות גלייך נאך חנוכה.

**רבינו:** מען זאל גיין אויף שמחות,

**גאב"ד ווינא:** אמן, א יישר כח, עס איז א זכיה.

**ונפרדו לשלום**

## בסעודת שבע ברכות של בת ש"ב הרה"ג רבי פרץ טובי' שטיינמעץ שליט"א ראה"כ וויזניץ אלעד

יום ב' פרשת וישב תשפ"ג לפ"ק - אלעד

**פותחין** בכבוד האכסניא, אכסניא של תורה. מען קומט זיך צוזאם, מיט בני תורה צוזאמען, צו די שמחה פון זייער ראש הכולל, רבי פרץ טובי' זאל זיין געזונט. אנכי בדרך נחנו ה', דער אייבערשטער האט מזמין געווען, מן השמים איז אזוי אויסגעקומען, אז איך זאל קענען אטייל נעמען ביי די שבע ברכות. קודם וויל איך וואונטשן פאר די חשובע חתן און כלה, און די מחותנים פוןביידע צדדים, דער אייבערשטער זאל געבן, זיי זאלן זעהן אסאך שמחות און נחת ביי אלע זייערע קינדער און אייניקלעך.

**עס** קומט מיר אזוי אין זכרון, מען זיצט ביי א שבע ברכות צוזאמען מיט די בני כולל. איך האב אמאל געהערט א מילתא דבדיחותא, פונעם פעטער פון די כלה, דער **קאטמונ'ער רב זצ"ל**, האט ער געזאגט, אז עס איז געווען אמאל א יוד וואס איז געגאנגען נאך צדקה פאר א גרויסן תלמיד חכם וואס איז געווען שרוי בצער, ער האט נישט געהאט קיין פרנסה. און ער איז אנגעקומען צו אן עושר אין שטוב, און ער האט אים געבעטן ער זאל זיך משתתף זיין. האט דער עושר געזאגט, איך האב א געפיל צו געבן פאר הכנסת כלה, דארט געב איך אוועק אסאך געלט, אבער פאר איינעם א יחיד וואס זיצט און לערנט, איך האב נישט צו דעם קיין געפיל. האט ער אים געפרעגט, פארוואס איז ביי דיר הכנסת כלה אזוי חשוב. זאגט ער, וואס איז טייטש, מען גייט חתונה מאכן א יודישע טאכטער מיט א חשובן חתן. האט ער געפרעגט, און וואס

וועט שוין געשעהן אז זיי וועלן חתונה האבן. זאגט ער, וואס איז טייטש וואס עס וועט געשעהן, זיי וועלן אויפשטעלן יודישע דורות, האבן קינדער. און וואס וועט שוין זיין פון די דורות וואס וועלן אויסוואקסן. וואס איז טייטש, ער קען דאך האבן א זון א תלמיד חכם. און וואס וועט שוין זיין פון א זון א תלמיד חכם. ער וועט דאך באשיינען די וועלט שפעטער, די גאנצע וועלט וועט געניסן פון אים, פאר דעם האט ער א געפיל צו געבן.

**האט** ער אים געזאגט, זיי דיך מתבונן וואס דו האסט געזאגט. דו געבסט געלט פאר הכנסת כלה, ווייל מען וועט אויפשטעלן קינדער. קודם האב איך א ספק צו דער שלום בית וועט אנהאלטן, עס איז א גרויסע ספק. צווייטענס, אפילו עס וועט אנהאלטן, איז דא א ספק צו זיי וועלן האבן קינדער. און אז עס וועט זיין קינדער, אפשר וועט עס זיין מיידלעך. און אז עס וועט זיין יונגלעך, ווער זאגט אז זיי וועלן אויסוואקסן תלמידי חכמים. און ווער זאגט אז זיי וועלן אויסוואקסן תלמידי חכמים וואס די וועלט וועט עפעס האבן פון זיי. זאגט ער, איך ברענג דיר שוין יעצט דעם פארטיגן תלמיד חכם וואס איז שוין דא, אן קיין שום ספיקות, די וועלט איז פון אים נהנה, און דא קענסטו נישט געבן געלט אויפצוהאלטן? די גאנצע סיבה וואס דו געבסט פאר הכנסת כלה, איז דאך נאר וועגן דעם אז עס זאל צוקומען צו אזא מצב.

*

**די** תורה הק' פארציילט (בראשית לז-לב), אז די ברודערס האבן פארקויפט יוסף, און זיי זענען צוריק געקומען צום פאטער, און זיי האבן געברענגט דעם כתונת פון יוסף, הכר נא הכתונת בנך הוא, טרוף טורף יוסף. וימאן להתנחם, יעקב האט זיך נישט געקענט טרייסטן. די מפרשים שטעלן זיך, ווער האט געהייסן פאר די שבטים אז זיי זאלן ברענגען דעם כתונת פארן פאטער. דער פאטער וועט נישט וויסן צו יוסף איז אנגעקומען צו זיי, צו נישט. צו מען האט אים געזעהן, צו מען האט אים געטראפן. וואס האבן זיי זיך אריינצומישן אז זיי האבן געטראפן דעם כתונת פון יוסף. זאלן זיי צוריק קומען און זאגן, דו האסט געשיקט יוסף, אונז ווייס מיר נישט וואו ער איז. מען דארף נישט קיין קשיא מיט א תירוץ, צו זאגן אז זיי האבן געטראפן דעם כתונת פון יוסף, און טרוף טורף יוסף.

**איז** דא דערויף איין תירוץ, זיי האבן געוואוסט, אז יעקב איז א בעל רוח הקודש, און אז מען וועט אים זאגן אז יוסף איז נישט דא, ביז א פאר מינוט וועט ער אים טרעפן. ער וועט קוקן ברוח הקודש, וועט ער זעהן וואו ער איז, און ער וועט זעהן וואס עס איז אדורכגעגאנגען אויף אים, אז מען האט פארקויפט יוסף אויף מצרים, מען קען נישט באהאלטן פון יעקב.

**וואס** איז די עצה, מען דארף אריינווארפן יעקב גראד אין אן עצבות, עס זאל אוועקגענומען ווערן די שמחה של מצוה. אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה (שבת ל.), אז ער וועט פארלירן די שמחה, וועט ער נישט קענען זעהן וואס האט פאסירט מיט יוסף. מען איז אריינגעקומען אין שטוב, און מען האט נאר געברענגט דעם כתונת פון יוסף, און מען האט אים געוויזן אז דער כתונת איז צוריסן געווארן, איז די ערשטע מחשבה געווען פאר יעקב, כתונת בני, חיה רעה אכלתהו, נסתלקה ממנו רוח הקודש, זיי האבן געוואוסט אז מיט דעם וועלן זיי זיין זיכער, אז ער וועט נישט קענען מער נאכקוקן וואס האט פאסירט מיט יוסף.

*

**לענינינו** וואס מען רעדט פאר בני תורה, קען זיין נאך אן ענין דערין. מען זעהט יעקב האט געהאט א געוואלדיגע אהבה צו יוסף, וישראל אהב את יוסף מכל בניו, כי בן זקנים הוא לו (בראשית לז-ג), אלע שבטי י-ה זענען געווען גרויס, אבער צו יוסף האט ער געהאט א ספעציעלע אהבה, כי בן זקונים הוא לו. אין **בעל הטורים** שטייט, 'זקנים' איז די ראשי תיבות פון די ששה סדרים, ז'רעים, ק'דשים, נ'שים, י'שועות, מ'ועד. טהרות פעלט. די וועלט זאגט נאך פונעם **גור'ער רבי'**, דער **אמרי אמת**, אז ער האט געזאגט, אלעס קען מען לערנען ביי א רבי, אבער אויף טהרות דארף מען אליין הארעווען דערויף, דאס איז נישט א זאך וואס מען קען איבערגעבן, דאס איז נישט וואס מען לערנט זיך. כי בן זקנים הוא לו, ער האט אים געלערנט אלע חלקים פון די תורה, אבער טהרות האט ער איבערגעלאזט פאר יוסף, אויף דעם דארף מען אליין הארעווען.

**איך** וויל עס אביסל מסביר זיין, מיט א אנדערע נקודה דערין. מען זעהט, יוסף איז אלט געווען זיבעצן יאר, און כל מה שלמד משם ועבר, האט יעקב איבערגעגעבן פאר יוסף. יעקב אבינו איז געווען א יוד

פון איבער די נײַנציג יאר ווען יוסף איז געבוירן. כמעט נײַנציג יאר זיצט ער אין בית המדרש פון שם ועבר, און עס לאזט זיך גארנישט זאגן וויפיל תורה ער האט קונה געווען אין די יארן. און כל מה שלמד משם ועבר, האט ער געקענט איבערגעבן פאר א בחור'ל פון זיבעצן יאר. ווי איז דאס מעגליך, אז מען זאל קענען קונה זיין אזויפיל תורה, אין אזא קורצע זמן.

**עס** איז אבער נישט קיין קשיא. תורה ווערט געמאסטן אנדערש פון אלע אנדערע חכמות, וואס ווענדט זיך צו מען האט א גוטן קאפ, אדער א שוואכע קאפ, א בעסערע תפיסה אדער א שוואכערע תפיסה. תורה איז קדושה, און ווי הייליגער א מענטש איז, ווי מער ער איז זיך מקדש ומטהר, איז אלץ זיין השגה אין תורה א גרעסערע השגה. משה רבינו האט געלערנט אין פערציג טעג כל התורה כולה, כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש (ויק"ר כב-א). עס איז נישט אז די תורה איז אים ארײַנגעפלויגן אין קאפ ארײַן, ער האט געלערנט. נאר אז מען פירט זיך אויף ווי א משה רבינו, קען מען קולט זיין כל התורה כולה, אין א קורצע זמן.

**עס** שטייט אין ילקוט (שמואל קכט), עס איז כדאי צו וויסן דערפון. ווען דוד המלך איז אנטלאפן פון שאול, איז ער איין נאכט געזעסן ביי שמואל הנביא, און זיי האבן געלערנט. דעמאלטס האט ער אויסגע'חשבון'ט וואו עס זאל זיין דער מקום המקדש, בנויות ברמה (שמואל א יט-ו), זאגט די גמרא (זבחים נד:), זיי האבן עוסק געווען בנוי של עולם. זאגט דער ילקוט, אז אין די איינע נאכט האט ער געלערנט אזויפיל ביי שמואל הנביא, אשר אין תלמיד ותיק יכול ללמוד במאה שנה! וואס א תלמיד ותיק דארף לערנען הונדערט יאר, האט דוד המלך אדורכגעלערנט דעמאלטס מיט שמואל אין די איינע נאכט! עס איז נישט שייך אפילו מיט ווערטער ארויסצוזאגן אין איין נאכט, אזויפיל וואס מען דארף לערנען זיבעציג יאר. איז דאך א סימן אז תורה איז אנדערש. אין תורה איז דא א מין השגה, וואס ווען א מענטש פירט זיך אזוי ווי דוד המלך האט זיך געפירט, ווי שמואל הנביא איז געווען, קען מען אין איין נאכט קונה זיין תורה פון הונדערט יאר! און עס איז נישט קיין סתירה, כאטש בדרך הטבע איז עס נישט צו פארשטיין.

**עס** שטייט פון **רבי חיים וויטאל** (**שם הגדולים** מערכת גדולים), ער ברענגט צו פונעם **אר"י הק'**, אז ער האט אמאל געזעהן דעם אר"י הק' שלאפן שבת. ער שרייבט, אז דער אר"י הק' איז געשלאפן צוויי דריי שעה. און ער האט געזעהן ווי דאס מויל גייט אים, בשעת ער איז געשלאפן. ווען ער איז אויפגעשטאנען, האט רבי חיים וויטאל געפרעגט זיין רבי דער אר"י הק', איך האב געזעהן אז דעם רבי'נס מויל איז געגאנגען בשעת מען איז געשלאפן, וואס איז דאס געווען. האט אים דער אר"י הק' געענטפערט, איך בין געווען אויבן אין מתיבתא דרקיע, און איך האב דארט געלערנט און עוסק געווען אין פרשת בלק, די פרשה פון בלעם. - עס איז נישט דא קיין סאך וואס צו לערנען אין פרשת בלק, אבער על כל פנים ער האט געלערנט די פרשה פון בלק. - האט ער געפרעגט זיין רבי, אפשר זאגט מיר דער רבי איבער וואס מען האט געלערנט אין מתיבתא דרקיע. זאגט ער, אפילו איך זאל דרש'נען זיבעציג יאר, קען איך דיר נישט איבערגעבן וואס איך האב קונה געווען אין די פרשה פון בלעם, אין די צוויי שעה וואס איך בין געשלאפן. עס איבערצוזאגן, וועט נעמען זיבעציג יאר.

**דאס** איז געווען יוסף. ווייל יוסף איז געווען יוסף הצדיק, האט ער געקענט קונה זיין אין זיך, זרעים, קדשים, נשים, ישועות, מועד, אין די זיבעצן יאר. ווועסטו פרעגן ווי קען דאס טאקע מעגליך זיין, ער זאל קענען לערנען די גאנצע תורה. ווייל טהרות האט ער נישט געלערנט מיט אים, טהרות האט ער געהאט אליין. ווען מען האט טהרות אליין, קען נאכדעם קומען 'זקנים', אין א קורצע זמן אויך. אין די מדריגה איז יוסף געווען, וואס יוסף איז געווען אזוי חביב, וישראל אהב את יוסף מכל בניו. יעקב האט זיכער געלערנט תורה מיט די איבריגע קינדער אויך, אבער אז מען זאל קענען איבערגעבן כל מה שלמד משם ועבר אין אזא קורצע צייט, דאס האט ער נאר געהאט ביי יוסף. ממילא איז דער אהבת יוסף געווען ביי אים זייער גרויס.

**די** שבטים האבן געוואוסט אז ווען זיי וועלן אהיימקומען, און זיי וועלן זאגן אז יוסף איז נישט דא, יוסף איז געשטארבן, מען ווייסט נישט וואס עס האט פאסירט מיט אים. וועט עס יעקב אבינו נישט אדורכטראגן, יעקב אבינו וועט עס נישט אויסהאלטן, ווי אזוי קען זיין, זיין לעבן, אן דעם וואס עס זאל זיין יוסף הצדיק, ער איז צוגענומען געווארן פון אים. מען זעהט אפילו שפעטער, וימאן להתנחם, ער האט די אלע יארן זיך נישט געקענט טרייסטן אויף יוסף. זיי וואלטן נישט געקענט צוקוקן דעם

צער פונעם פאטער ווי אזוי דער פאטער איז זיך מצער אויף יוסף. ווי אזוי גיט מען זיך זיך אן עצה, ווי אזוי קען מען אביסל אראפברענגען יעקב פון זיין ליבשאפט צו יוסף.

**מען** וועט קומען און ברענגען א כתונת, און מען וועט זאגן אז דאס איז חיה רעה אכלתהו. חיה רעה אכלתהו? די גמרא (שבת קנא:) זאגט דאך, אז א בעל חי איז נישט שולט אויף א מענטש, אלא אם כן נדמה לו כבהמה. ווילאנג דער מענטש איז אזוי גרויס ווי יוסף הצדיק, איז נישט שולט אויף אים קיין חיה, עס איז נישט מעגליך אז עס זאל זיין חיה רעה אכלתהו. אז עס האט יא פאסירט, מען ברענגט דאך דא דעם כתונת יוסף וואס חיה רעה אכלתהו, מוז זיין אז דער יוסף איז נישט דער יוסף וואס דו האסט אים געקענט פון פריער, ווייל יוסף איז שוין נדמה לו כבהמה, האט געקענט קומען א חיה, און זאל אים אויפעסן. אז עס איז נדמה לו כבהמה, וועט זיך שוין יעקב אבינו בארוהיגן. אזא חשוב קינד, און שפעטער איז ער אזוי געפאלן, אז עס האט געקענט זיין חיה רעה אכלתהו, דאס וועט אראפברענגען ביי יעקב אבינו, אז אפשר האט ער זיך טועה געווען אין יוסף, און עס וועט אוועקנעמען די אהבה צו אים, ער זאל קענען אריבערגיין דאס וואס יוסף פעלט אים.

**על** כל פנים, די נקודות הדברים איז, תורה ווערט נישט געמאסטן לויט וויפיל שעה מען לייגט אריין דערין, תורה איז נישט געמאסטן וויפיל מען האט זיך געפלאגט אויף תורה, אלעס איז זייער וויכטיג פאר תורה. אבער קיום התורה, יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י), די גמרא (יומא עב.) זאגט, הנושא אשה ואחר כך לומד תורה בטהרה, אויף אים איז געזאגט געווארן, יראת ה' טהורה.

**אין** פסוק פאר יראת ה' טהורה, שטייט תורת ה' תמימה משיבת נפש, נאכדעם איז יראת ה' טהורה עומדת לעד. דו וועסט פרעגן תורת ה' תמימה, א מענטש קען זוכה זיין צו קענען כל התורה כולה, תורת ה' תמימה? זאגט מען, יא, ווען עס וועט זיין יראת ה' טהורה עומדת לעד, דו קענסט זוכה זיין צו תורה תמימה, ווען עס איז דא יראת ה'.

**ב"ה** אז מען זיצט ביי אזא מסיבה פון כולל יונגעלייט, וואס יראת ה' על פניהם, ב"ה מען לערנט און מען איז מצליח, איז נאר דא אזויפיל צו וואונטשן דער באשעפער זאל העלפן ווייטער אויך, מען זאל קענען ממשיך זיין באהלה של תורה. ב"ה עס זיצן יונגעלייט דא שוין אסאך יארן נאך די חתונה, מען האט שוין געדארפט זוכן א מקצוע פון דער פרעמד וואס זיי האבן נאך נישט געלערנט, מען זאל עס קענען צוגעבן, מען זאל דאס אויך לערנען. וועט דאך אוודאי זיין א ברכה אין וואס מען לערנט, און מען זאל זוכה זיין ווייטער צו שטייגן אין תורה און אין יראת שמים. – פאר דעם חשובן ראש הכולל, וויל איך וואונטשן, דער אייבערשטער זאל אים געבן ווייטער אויך שמחות ונחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, קענען מרביץ תורה זיין מיט הרחבת הדעת. און אונז אלע אינאיינעם זאלן זיך קענען צוזאמקומען אויף שמחות, און זעהן בישועתן של ישראל, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

## במסיבת לחיים אחר התפלה לרגל י"ט כסלו

יום ג' פרשת וישב תשפ"ג לפ"ק - עיה"ק ירושלים תובב"א

**לחיים** טובים ולשלום, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. מען זאל קען אויסנוצן די צייט. דאס איז די איינציגע ברכה וואס מען דארף געבן פאר א בחור, די צייט זאל נישט זיין ליידיג, מען זאל זיצען אין בית המדרש.

**י"ט** כסלו איז צוויי גרויסע זמנים. איינס די יארצייט פונעם **רבי ר' בער**, דער **מגיד פון מעזריטש**. וואס ער האט איבערגענומען די הנהגה פונעם **בעל שם טוב הק'**. ער איז געווען דער ערשטער מפיץ פון חסידות נאכן בעל שם טוב. און אלע צדיקים שפעטער, זענען געווען תלמידי תלמידיו, אלע זענען נישט געווען פונעם בעל שם טוב, נאר דורך דעם רבי ר' בער.

**דער** רבי ר' בער אליין, מיין איך, איז נישט געווען ביים בעל שם טוב מער ווי די לעצטע זיבן צו אכט יאר. ער

איז געווען א גרויסער גדול בתורה, ער איז געווען א מגיד אין מעזריטש בעפאר ער איז נאך געווען רבי. שפעטער, מיין איך, האט ער געוואוינט אין ראוונע, ער האט נישט געוואוינט אין מעזריטש. ער איז נאר געבליבן מיטן נאמען ׳דער מעזריטשער מגיד׳.

**דער** בעל שם טוב איז אוועק תק״כ, און ער איז אוועק דרייצן יאר שפעטער, תקל״ג. דרייצן יאר האט ער געפירט, און אין די דרייצן יאר האט ער אויפגעשטעלט אלע תלמידים, דער **רבי ר׳ אלימלך**, דער **קדושת לוי**, און דער **בעל התניא**, די אלע זענען געווען תלמידים פונעם רבי ר׳ בער.

*

**נאכדעם** איז דער חג הגאולה פונעם תניא. ער איז געווען אין תפיסה, און ער איז באפרייט געווארן י״ט כסלו. ער איז געווען אין תפיסה דריי און פופציג טעג. אין דעם **ספר התניא** האט ער געמאכט דריי און פופציג פרקים. די חסידים זאגן אז עס איז מכוון, און וועגן דעם האט ער געדארפט זיין דריי און פופציג טאג אין תפיסה. - היינט איז שוין דא אלע שריפטן, אלעס וואס מען האט אים אויסגעפרעגט, אלעס קען מען היינט טרעפן. אלעס איז פארצייכענט געווארן. מען גיט יעצט ארויס די ארכיוון פון יענע יארן.

**די** וועלט פארציילט, אז ער האט נישט געוואלט עסן אין תפיסה, צוליב כשרות. זיי האבן געמיינט אז ער וויל מאכן א הונגער סטרייק, מען האט אים געוואלט צווינגען צו עסן. ער האט זיך נישט געלאזט, ער האט געזאגט אז ער עסט נאר כשרות, מען זאל אים אריינברענגען כשרות. האט אים דער שר געפרעגט, ווי אזוי וועסטו וויסן אז וואס איך ברענגט דיר, איז כשר? אז דו זאגסט מיר צו, אז דו ברענגסט מיר כשר, וועל איך זיך פארלאזן אויף דיר. מען וועט זאגן פאר דעם יוד, ער זאל עס איינפאקן, און מאכן א סימן דערויף, איך וועל שוין זעהן דעם סימן וואס ער מאכט, וועל איך וויסן אז עס איז כשר. דער פלעגט צו ברענגען, און ער פלעג צוריק טראגן נאכדעם די כלים צו דעם יוד.

**דער** תניא האט דאך נישט געקענט שרייבן קיין בריוו אין תפיסה. איינמאל האט מען געטראפן א צעטיל אינעווייניג, דער תניא האט געשריבן אויף א פאפיר, ׳אומרים צדקתך צדק במנחה׳. מען האט געטראכט צדקתך צדק במנחה? מען האט פארשטאנען אז ער מיינט צו זאגן, אז מען וויל די משפט זאל ארויסגיין בצדק, דארף מען זיי משחד זיין מיט א מנחה. אומרים צדקתך צדק, מען קען ארויסגיין פריי, מיט א מנחה, מיט דעם וואס מען וועט זיי משחד זיין מיט עפעס. - וכן הוה, מען האט אנגעהויבן צו טיילן, שמירן געלט, און עס האט געררירט זאכן.

**דער סאטמאר׳ער רב זי״ע** פלעג צו זאגן, שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, והקב״ה מצילנו ׳מידם׳, מען גיט זיי אריין אין די הענט, פון דארט איז מצילנו.

**איך** האב נאכגעזאגט שבת, עשו האט אנגעהויבן צו פרעגן שאלות און קשיות, מי אתה, ואנה תלך, ווי גייסטו? האבן זיי געזאגט מנחה הוא שלוחה לאדוני לעשו, דאס איז א מנחה, האט זיך אויפגעהערט אלע קשיות, מען דארף שוין נישט צו ענטפערן מי אלה, ולמי אתה. נאר מנחה הוא שלוחה, איז אלעס פארענטפערט.

**מען** זאל קענען צוזאמקומען מתוך שמחה, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. - איך וויל נישט אויפהאלטן, מען דארף שוין גיין לערנען.